בעזהשי"ת

סֵפֶר

# אִישׁ אֱמוּנוֹת
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת מְצוֹרָע

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פַארְלִיר זִיךְ נִשְׁט; דוּ וֶועסְט זֶען וִוי דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶועזְן לְטוֹבָתְךָ; דוּ וֶועסְט נָאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וָואס עֶס זֶעט דִיר אוֹיס שְׁלֶעכְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, קיח): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיח, כא): "אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה", אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ סוֹחֵר וָואס הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה צוּזַאמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שׁוּתְּפִים כְּדֵי צוּ פַארְדִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן אִיבֶּערְן יַם פַארְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה. וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ פָארְן צוּ דִי מְקוֹמוֹת וואוּ מֶען גֵייט פַארְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה אִיז דֶער אִיד זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט פָארְן, זֶענֶען דִי אַנְדֶערֶע שׁוּתְּפִים גֶעפָארְן אוּן מֶען הָאט אִים אִיבֶּער גֶעלָאזְט. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַה פִּשְׁעִי וּמַה חַטָּאתִי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט אַז דָאס הָאט צוּ מִיר פַּאסִירְט?" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר פַארְוָואס פּוּנְקְט עֶר וָואס עֶר אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ וְכוּ' דַארְף אוּנְטֶער בְּלַייבְּן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיט גֵיין. אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז אַלֶע שׁוּתְּפִים זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אִין אַ רוֹיבֶּעַרַיי, מֶען הָאט זֵיי אַלֶע גֶע'הַרְגְ'ט רַחְמָנָא לִצְלַן אוּן נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָהוּ יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר קְרַאנְק גֶעמַאכְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מַיין טוֹבָה.

מוֹהַרַא"ש זָאגְט אַז אִינֶעם וָוארְט: "וּתְ'נַחֲמֵנִ'י" אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער זֶעט דִיר נִישְׁט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, זָאג אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר! אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין! אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי צוּגְרִינְד וְכוּ' וְכוּ'"**; אַזוֹי זָאלְסְטוּ אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; דוּ וֶועסְט זֶען וִוי עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוּן דוּ וֶועסְט זֶען דִי יְשׁוּעָה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים זִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין דָארְט אֵיינְמָאל אַ טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן וָואס דוּ הָאסְט פַארְבְּרֶענְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ", וֶוען מֶען גֵייט מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן; בִּפְרָט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דֶעמָאלְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', מֵחִיגֵּר) אַז דֶער גַזְלָן הָאט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן, הָאט עֶר גֶעריסְן קְבָרִים; דָאס הֵייסְט עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהַרַא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי בְּרֶסְלֶבֶ'ע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר צוּ הָאבְּן אַבִּיסְל שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט זֵיי אַ מִתְנַגֵּד נָאךְ גֶעשְׁרִיגְן: "בְּרֶסְלֶבֶ'ע כְּלָבִים!" הָאט
~~~~~~~~~~~

זִיךְ אֵיינֶער זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט, 'הֲיִתָּכֵן מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אוּנְז מִיר זֶענֶען "בְּרֶסְלְבֶ'ע הוּנְט"', הָאט זִיךְ דֶער צְוֵוייטֶער אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט, עֶר מֵיינְט נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן 'הוּנְט', עֶר שְׁרֵייט בְּרֶסְלְבֶ'ע כְּלָבִים, עֶר זָאגְט אוּנְז אַז מִיר טוּעֶן וָואס כָּלֵב הָאט גֶעטוּן. וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַּאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אַז עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְלִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין בְּרָכָה, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעכַאפְּט פוּן דִי מְרַגְלִים אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין חֶבְרוֹן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְכַאפְּט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס שְׁרֵייט עֶר אוֹיף אוּנְז, אַז מִיר בְּרֶסְלְבֶ'ע חֲסִידִים גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אָבֶער עֶר מֵיינְט נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן "בְּרֶסְלְבֶ'ע הוּנְט".

וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם צִיּוּן וְכוּ' זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ מַזְכִּיר זַיין לְטוֹבָה, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וַוייטֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~

**יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים; זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ע צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט, "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ - הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חָבֵר וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן: "בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; וַוייל אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בְּרִידֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶער קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט
~~~~~~~~~~

מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיינְס. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן הִתְחַזְקוּת.

דְרֵיי זִיךְ מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זֵייעֶר עִיקָר דִיבּוּרִים אִיז פוּן הִתְחַזְקוּת אוּן פוּן תַּכְלִית - וֶועט זִיךְ אִין דִיר אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן.

וַוארְט אוֹיס אוּן אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען נָאר גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב' שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָה ... תִּחְיֶ'.**

אֵייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ וְכוּ'.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז אִיר אַלֵיינְס זָאלְט אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז אִיר גְלַייכְט בֶּעסֶער וֶוען עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ', וַוייל אִיר וִוילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן נִישְׁט לֶעבְּן אָפְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אִיךְ זָאג אַייךְ אַרוֹיס קְלָאר, אֵייעֶר וֶועג וָואס אִיר הָאט גֶענוּמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן וְכוּ' אוּן אִיר עֶסְט זִיךְ אוֹיף אִינֶעוֵוייְנִיג - אִיז נִישְׁט גוּט אוּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזוּנְט - דָאס בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען אִיז אָפְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אֵייעֶר חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז טֵייעֶר אוּן לִיכְטִיג; אִיךְ קֶען אִים גוּט, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּטֶע מִידוֹת. דָאס וָואס עֶר טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי וְכוּ' דָאס קוּמְט פוּן קַטְנוּת הַדַעַת וְכוּ' - נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט. אַז עֶר וֶועט הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר וִוילְט נִישְׁט דִי מָאדְנֶע קְלֵיידֶער וֶועט עֶר אַלֶעס אַוֶועק וַוארְפְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת; בִּפְרָט אַז אִיר גֵייט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף אַלֶעס גוּטְס.
~~~~~~~~~~

אִיר וֵוייסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז אִיר דִינְסְט הָאט אִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן זִי דַארְף אַ דִינְסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ דִינְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה"? זֶעט מֶען וָואס פַּאר אַ כֹּחַ חָתָן כַּלָּה הָאבְּן בְּיוֹם חוּפָּתָם; מֶען קֶען אִין דֶעם טָאג אַלֶעס פּוֹעֶל'ן.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע; רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים; מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה, אַז מִיר זָאלְן זֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז אַלֶעמָאל.

אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ טוּן וָואס אֱלִישָׁע הַנָּבִיא הָאט גֶעטוּן וֶוען דִי פְּרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ אִים עֶר זָאל אִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אִירֶע חוֹבוֹת, עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט צִי זִי הָאט עֶפֶּעס אוֹיף וָואס דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעהֵייסְן צוּזַאמְנֶעמֶען כֵּלִים פוּן דִי שְׁכֵנִים, אוּן נָאכְדֶעם - (מְלָכִים ב, ד): "וּבָאת וְסָגַרְתְּ הַדֶּלֶת בַּעֲדֵךְ וּבְעַד בָּנַיִךְ", - זָאל זִי פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר פַּאר אִיר אוּן אִירֶע קִינְדֶער; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִי זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הֵייבְּט אָן קוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע. אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען מֵיינְט אַז מֶען הָאט נָאךְ אֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶעמָאלְט קֶען דִי בְּרָכָה נִישְׁט חַל זַיין; זִי הָאט גֶעפָאלְגְט אוּן אַזוֹי גֶעטוּן אוּן אַלֶע כֵּלִים זֶענֶען אָנְגֶעפוּלְט גֶעוָוארְן מִיט אוֹיל.

דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, "וּבָאת וְסָגַרְתְּ הַדֶּלֶת בַּעֲדֵךְ", גֵיי אַרַיין אִין אַ שְׁטוּב, פַארְמַאךְ דִי טִיר אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֶׁפַע צוּ קֶענֶען לֶעבְּן", וֶועסְטוּ זֶען ווִי עֶס
~~~~~~~~~~

וֶועט אַרַיין קוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

זֶע צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג; פַארְצֵייל זֵיי פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. מְחַיֶ' זַיין אַ אִיד אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, בִּפְרַט אַ טַאטֶע מַאמֶע אַז מֶען אִיז מְחַיֶ' - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע טֶעג.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער בִּנְיָן וֶועט אָט אָט וֶוערְן פַארְטִיג בִּזְכוּת דִי גֶעטְרֵייעֶ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס ווילְן מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערֶענְט, זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן בִּילְדֶער דוּ זָאלְסְט זֶען ווִי מֶען בּוֹיעֶט אוּן זֶען וואוּ דַיין גֶעלְט גֵייט.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע רְפוּאָה צוּ לֶעשְׁן דִי פֵייעֶר פוּן דַיין יֵצֶר הָרָע נָאר דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְקְט נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה טוֹישְׁט דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ לְטוֹבָה.

טוּ עֶס פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין עָתִיד אוּן פַאר דַיין נִצְחִיוּת; הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנָיוֹת. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּק נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף צוּ הֶערְן פוּן דִיר בְּקָרוֹב אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן.
~~~~~~~~~~~

שְׁרַייבּ מִיר מְזַמֵן לִזְמַן וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ׳ זַיין.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף אַריין כַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען מֶען הָאט נָאר צַייט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט עֶפֶּעס זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

גֶעב אַ קוּק וואוּ דוּ קוּמְסְט אָן מִיט תֵּירוּצִים; יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ אוֹיף אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דָאס לֶערְנֶען. דוּ פָּאפְּסְט זִיךְ אַלֵיינְס מִיטְן זָאגְן: ׳מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען׳; ׳שַׁבָּת וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען׳; ׳קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען׳; אַזוֹי גֵייעֶן אַוֶועק דִי טֶעג אוּן יָארְן אָן לֶערְנֶען, אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן אָן עֶפֶּענֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט יֶעצְט נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן אַ מִשְׁנָיוֹת מִיט דַיינֶע זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְּסְט עֶרְלֶעדִיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): ״אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה״, זָאג נִישְׁט: ׳וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין פַּארְנוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען׳, וַוייל: ״שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה״, עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען, מִמֵילָא קֶען זַיין אַז יֶעדֶעס מָאל וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים פַּארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַריין כַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען מֶען הָאט נָאר צַייט.

נֶעכְטְן הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין שְׁוֶועסְטֶער תִּחְיֶ׳; אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט בַּיי דִי חֲתוּנָה וואוּ אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן אוֹיף דִי נֵס אַז אִיךְ וֵוייס פוּן רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ טַאנְצְן בַּיי אַ חֲתוּנָה ווִי טַאנְצְן אַלֵיינְס. בַּיי מִצְוָה טַאנְץ הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א מִיטְ׳ן נוּסָח פוּן: ׳יַעֲמוֹד׳, ׳יַעֲמוֹד׳; ״מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי״ (תְּהִלִּים קטז, יב) אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קוּמֶען מִיט אוּנְז אִין קֶעמְפּ דֶעם זוּמֶער שְׁנַת תשע״ט זָאלְסְטוּ דָאס אַיינְמֶעלְדְן אוּן אָפִּיס אוּן בְּרֶענְגֶען אַ דִיפַּאזִיט ווִי פְּרִיעֶר; עֶס וֶוערְן נִתְרַבֶּה נָאךְ אוּן נָאךְ תַּלְמִידִים אוּן עֶס קוּמֶען צוּ פְּרִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְסְטוּ זֶען נִישְׁט אַרוֹיסְצוּפַאלְן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל: ״זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט״; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן.

מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען וִוי מִיטְ׳ן זִיךְ טַעֲנָה׳ן וְכוּ׳. פוּן וִיכּוּחִים אוּן טַעֲנָה׳רֵייעֶן הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, עֶס וֶוערְט נָאר דוּרְכְדֶעם מֶער אוּן מֶער אָפְּגֶעקִילְט דִי אַהֲבָה וְכוּ׳.

גֵיי אַבִּיסְל אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת, כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס; שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי וִוי צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן.

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען הַיינְט בַּיים שִׁיעוּר.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן פַאר אוּנְז.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טַהֲרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס אִיז אוּנְז מְטַהֵר מִטוּמְאַת מֵת; אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר דִי נֶעכְטִיגֶע שִׁיעוּר (לֵיל שִׁישִׁי) אוּן דוּ וֵוייסְט שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ

מְטַהֵר זַיין פוּן טוּמְאַת מֵת, - דוּרְךְ דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס רֵיינִיגְט אוּנְז מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

וָואס זֶעעֶן מִיר בַּיי דִי פָּרָה אֲדוּמָּה? דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יט, ב): "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יט, א) אַז אִיּוֹב הָאט גֶעזָאגְט (אִיּוֹב יד, ד): "מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא? לֹא אֶחָד"; וַוייל מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט דִי פָּרָה אֲדוּמָּה וֶוערְן טָמֵא, אוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָּה רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא, דָאס הָאט אִיּוֹב גֶעפְרֶעגְט: "מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא?" נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא אֶחָד" אוּן קֵיינֶער מֶער; "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: חֻקָּה חָקַקְתִּי, גְּזֵירָה גָּזַרְתִּי, אִי אַתָּה רַשַּׁאי לַעֲבוֹר עַל גְּזֵרָתִי" - דָאס אִיז אַ חֹק אָן אַ טַעַם.

דָאס אִיז דֶער חֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה, (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, שָׁם): "כָּל הָעוֹסְקִין בַּפָּרָה מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, מְטַמְּאִין בְּגָדִים", דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק מִיטְ'ן רֵיינִיגְן דִי טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן - דֶער וֶוערְט טָמֵא, אָבֶּער: "הִיא גּוּפָהּ מְטַהֶרֶת בְּגָדִים", עֶר אַלֵיינְס מַאכְט יֶענֶעם טָהוֹר; פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז דָאס זֶעט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן. עֶס קוּמְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעפִּילְט מִיט חֲטָאִים פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס - בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים; עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן עֶר גִּיבְּט אִים עֵצוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר טוּט אִים אָן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער; צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים אַז עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ אוּן דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ וַוייטֶער אַרָאפּ צוּ אִים, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר לֶערְנְט זֵיי שֵׁיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן לֶעבְּן, בִּיז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְטַהֵר דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן 'לְטַהֵר טְמֵאִים', אָבֶּער יֶעצְט וֶוערְט 'לְטַמֵּא טְהוֹרִים' דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז דֶער כֹּהֵן - דֶער צַדִּיק - וָואס הָאט אִים אָפְּגֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן טָהוֹר - אִיז גָאר טָמֵא.

אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מִיר זָאלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דֶעם כֹּהֵן וָואס מַאכְט אוּנְז טָהוֹר; מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען פַאר מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז וַוייטֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר דָאס אִיבֶּער נָאךְ פַאר שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בְּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁר'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע ווִירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶער'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וְכוּ' נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִיפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן ווִיפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיב מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער וְכוּ' מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרֵיין אִין מִצְווֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן. אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט; אִיז יֶעצְט שׁוֹין צֵייט זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית. דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ, זָאלְסְטוּ מִיט אִיר לֶעבְּן אוּן מִיט אִיר זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ'. לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים; גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, גֵיי נָאר מִיט דַיין וַוייבּ. אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט פוּן פַאר דִי חֲתוּנָה צוּ לֶעבְּן מִיט חֲבֵרִים; מֶען פָּארְט, מֶען קוּמְט, מֶען גֵייט אוּן מֶען רֶעדְט – אַלֶעס מִיט חֲבֵרִים, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעזֶעגְנְט מֶען זִיךְ פוּן אַלֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַן אֱמֶת'ע לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ – אָן קֵיינֶעם.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נַייעֶ לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", ווער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. מִיט דֶעם לָשׁוֹן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

הֵייבּ אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אוּן בַּאנַיי זִיךְ; מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ יוּנְגֶערְמַאן: "יוּנְגֶערְמַאן, לֶערְן אַסַאךְ לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן! וַוייל אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערִים נִישְׁט צוּקוּמֶען". נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט בֶּעפַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תִּיקּוּן". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם.

עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע בָּאנְגֶעלָאוּס פַארְן זוּמֶער בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ 'מַחֲנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'; אַז דוּ ווילְסְט הֲנָאָה הָאבְּן אוּן זַיין אִין 'גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן' פַאר צֶען וָואכְן צוּזַאמֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, רוּף שׁוֹין אָן הָאבְרַךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס הָאט
~~~~~~~~~~

גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל פוּנֶעם קֶעמְפּ אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בְּצַוְותָּא חֲדָא, אַ חֲבוּרָה פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג בָּאגְגֶעלָאוּס פַּאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, וַוייל עֶס וֶוערְן נִתְרַבֶּה יֶעדֶעס יָאר נָאךְ אוּן נָאךְ תַּלְמִידִים כֵּן יִרְבּוּ, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין אַיינְמֶעלְדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר חָדָשׁ, פָּרָשַׁת נֹחַ, דַף ל.): "דְּאִי יַחְזְרוּן בִּתְשׁוּבָה רֵישֵׁי כְּנִישְׁתָּא, אוֹ חָדָא כְּנִישְׁתָּא, בִּזְכוּתָם יִתְכְּנֵשׁ כָּל גָּלוּתָא"; אוֹיבּ אֵיין קְהִלָּה אָדֶער אֵיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיינֶעם, מֶען וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵנוּ, אָמֵן.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז עֶס דְרוּקְט דִיר דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ' אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט וְכוּ', דוּ טְרַאכְטְסְט מַחְשָׁבוֹת פוּן וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר, פְּרוּבִּיר נָאךְ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט הֶערְן וָואס דוּ רֶעדְסְט אוּן זָאג פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער! אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס! אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶפֶּעס גֵייט פַּאסִירְן מִיט מִיר פוּן דִי חוֹבוֹת וָואס דְרוּקְן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק"**; בְּלַייבּ דָארְט אוּן וַויין צוּ אִים, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַּאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. יֶעצְט פַּאר פֶּסַח דַארְפְסְטוּ דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט פַּאר רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ, אַיינְקוֹיפְן עֶסְן, מַצוֹת וְכוּ' וְכוּ', גֶעלְט פַּאר קְלֵיידֶער אוּן שִׁיךְ פַּאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

שְׁמוּעֶס אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע הוֹצָאָה (עֶקְסְפֶּענְס); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶערְן דַיין גֶעבֶּעט אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס. וַוייל אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז וֶוען אַן אָרִימַאן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; זַיין וַוייבּ
~~~~~~~~~~~

און קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף עֶסְן און עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי תְּפִילָּה אִיז חָשׁוּב׳עֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת, עַיֵּין שָׁם.

דָאס אִיז ׳דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; וֶוען מֶען בֶּעט אִים אוֹיף אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק און עֶס טוּט וֵויי - דָאס אִיז ׳דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ׳. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וֶוען מֶען בֶּעט אוֹיף גַשְׁמִיוּת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי, נָאר וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

מִיטְוָואךְ נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה׳ זַיין אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְּרוֹיעֶן; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן. זָאלְסְטוּ שׁוֹין אוֹיסְרֶעכְעֶנֶען אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ כְּדֵי דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן דִי שִׁיעוּר.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**אוּנְזֶער גַאנְצֶע חַיּוּת דַארְף זַיין אַז מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דוּרְכ׳ן אַריין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים אָנְהֵייבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז דֶער רֶבִּי אֵיינְמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זַיינֶער שֵׁיינֶע זַאכְן און אִים זֵייעֶר מְחַיֶּה און מְחַזֵּק גֶעוֶועןְ, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ׳ס אַקְסְל און אִים גֶעזָאגְט בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועןְ דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״און וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד״; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְפְּלֶעקְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן און גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~~

הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן, ווייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד)".

זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּנְזֶער גַאנְצֶע חַיּוּת דַארְף זַיין אַז מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ רָב אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶועם דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן פַארְכַאפְּט אִין סִיבִּיר, וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז יֶעדֶער וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי קָאמֶענִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם אִין סִיבִּיר גֶעוֶוען דָארְט אוֹיף וַוייניגְסְטְנְ'ס צֶען יָאר, מֶען הָאט דָארְט גֶעטוּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן. אִין בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן פוּן מֵיינוּס צְוָואנְצִיג וְכוּ', אוּן רוֹב יָאר אִיז בִּכְלָל נִישְׁט דָא קַיין זוּן דָארְט. מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן דָארְט פַארְפְרוֹירְן וֶוערְן רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְטְן פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן הַשֵּׁם יִנְקוֹם דָּמָם; דֶער רָב דֶער צַדִּיק אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן נָאךְ צֶען יָאר אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דָארְט בְּדֶרֶךְ נֵס.

נָאכְ'ן בַּאפְרֵייט וֶוערְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן גְרוֹיסְ'ן צַדִּיק דֶער ריי"ץ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים; אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תְּפִילִין אוּן קַיין צִיצִית, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שַׁבָּת, בְּקִיצוּר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, קַיין שׁוּם מִצְוָה. אֵיין טָאג אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ", הָאט עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אוֹיף וָואס דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין קַיין שׁוּם מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה', אָבֶּער עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה, רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיין אִין אִים אַ שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן: - 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ מִצְוָה צוּ גְלֵייבְּן אִין דִיר; אֱמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צִיצִית, קַיין תְּפִילִין, נִישְׁט קַיין שַׁבָּת נִישְׁט יוֹם טוֹב, גָארְנִישְׁט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער: 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אִיךְ קֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי אֱמוּנָה"; וֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן

גֶעזָאגְט: "עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דָאס זִיצְן אִין סִיבִּיר צֶען יָאר דוּ זָאלְסְט דָאס גֶעוָואר וֶוערְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט נָאר 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין".

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ'ן צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ'ן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיינְס?" זִינְג עֶס מִיטְ'ן נִיגוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אֲפִילוּ דוּ הָאסְט קוּים פַאר דִיר אַלֵיינְס אוֹיף יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ זוּכְן צוּ טוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אִין דִי לוּפְט דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח; מֶען רוֹימְט אוּן מֶען קוֹיפְט שׁוֹין אַיין פַאר יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי חֶסֶד וָואס אִידְן טוּעֶן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. בִּפְרָט יֶעצְט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואסֶערֶע חֶסֶד אִידְן טוּעֶן אַלְץ אֵיינֶער פַארְ'ן צְווייטְן; מֶען טֵיילְט אוֹיס פַאר טוֹיזְנְטֶער אִידְן עֶסְן פַאר פֶּסַח אַרַיינְגֶערֶעכְנְט וַויין, פִיש, פְלֵייש אוּן מַצוֹת. נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס הֶעלְפְן שְׁלֶעפְן פַאר אַנְדֶערֶע, סַיי פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג דָאס אָפְּצוּנֶעמֶען אוּן פַאר עֲנִיִּים בְּנֵי טוֹבִים וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ וְכוּ' זֶענֶען דָא וָואס הֶעלְפְן זֵיי בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וָואס אִיז פְּשָׁט פוּן דֶעם וָואס מֶען שְׁרֵייט אוֹיס פֶּסַח בַּיינַאכְט אִין דִי הַגָּדָה בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל פוּן הָא לַחְמָא עַנְיָא: "כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכוֹל", וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, וָואס אִיז פְּשָׁט אַז דוּ זִיצְט אִין אַ צוּגֶעמַאכְטֶע שְׁטוּבּ בִּשְׁעַת דוּ רוּפְסְט אוֹיס "כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכוֹל", וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, קֵיינֶער
~~~~~~~~~~

הֶערְט דָאךְ נִישְׁט, לָאמִיר זֶען דוּ זָאלְסְט אוֹיסְרוּפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ: "כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכוֹל", וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן! נָאר מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעהָאלְפְן אַלֶע הוּנְגֶערִיגֶע אִידְן, אַלֶע וָואס הָאבְן נִישְׁט פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח; מֶען הָאט גֶעזָארְגְט פַאר זֵיי פַאר יוֹם טוֹב מִיטְ'ן זֵיי גֶעבְן קִמְחָא דְפִסְחָא, מֶען הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אוּן גֶעבְרֶענְגְט וְכוּ' וְכוּ', - קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן בַּיים סֵדֶר: "כָּל דִכְפִין - יֵיתֵי וְיֵיכוֹל".

ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין אַז אֲפִילוּ דוּ הָאסְט קוֹים פַאר דִיר אַלֵיינְס אוֹיף יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ זוֹכְן צוּ טוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע - אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בְּמָמוֹן טוּ חֶסֶד בְּגוּף; אַז דוּ וַוייסְט פוּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען טֵיילְט עֶסְן גֵיי נֶעמֶען פַאר דַיין חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן - פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ; דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע נְפִילוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְּט דִיר אַרָאפּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "'צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מַצַּת'; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי: "סְגֻלָּה לְחָלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים: רָאשֵׁי תֵבוֹת 'נֶפֶ"ל', אַ סְגוּלָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן חוֹלֵי נוֹפֵל (עֶפִּילֶעפְּסִי) אִיז צוּ גֶעבְן צְדָקָה וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי מַחְלָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלֵי נוֹפֵל, זָאגְט דֶער רֶבִּי זָאל עֶר גֶעבְן צְדָקָה. אוּן דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרוּחְנִיוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט אַז עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן; וִויפִיל עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, פַאלְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע רְגִילוּתְ'ן וְכוּ', זָאל עֶר גֶעבְן צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח אַלֵיין, וָואס דָאס אִיז פֶּה - סָח; וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**יֶעצְט וֶוען מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי חָמֵץ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָפְּצוּלָאזְן אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי מָאוּיס אוּן שְׁמוּץ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין שְׁלָאף? וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ כַאפְּן - וֶוען דוּ וֶועסְט שׁוֹין אַלֶעס פַארְלִירְן?! יֶעצְט וֶוען מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי חָמֵץ רוֹים אוֹיס דִי עֶקְלְדִיגֶע
~~~~~~~~~~~

מָאוּיס וָואס דוּ קוּקְסְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא", מִיט קוּקְן אַפָּאר מִינוּט עֲבֵירוֹת קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

דוּ וֵוייסְט אַוודַאי דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעפַארְבְּט דִי דִירָה אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער דִי צַדֶּיקֶת אָדְל הָאט גֶעהָאלְפְן מְסַדֵּר זַיין דִי דִירָה אוּן אִיבֶּער דֶעקְן דִי מֶעבְּל וְכוּ' אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. אוֹיפְן וַואנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ טֵייעֶרֶע זֵייגֶער, הָאט אָדְל גֶענוּמֶען אַ פְרוּיעֶן טִיכְל אוּן אִיבֶּער גֶעדֶעקְט דֶערְמִיט דֶעם זֵייגֶער אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דִי זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע מוֹחוֹת, וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ פְרוּיעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת?! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ"; אִיז יֶעצְט פַאר פֶּסַח וֶוען מִיר רוֹימֶען אוֹיס דִי חָמֵץ אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אָפְּצוּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע רְגִילוּתְ'ן, מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן; אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל אָפְּהַאקְן אַלֶע שַׁייכוּת מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁלֶעפְּן מִיר צוּ טוּן עֲבֵירוֹת".

קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ אַ מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, זִי בּוֹיט מִיט דִיר אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ אוּן זִי אִיז דִיר נִישְׁט קֵיין מְנִיעָה צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אִם יִרְצֶה ה' מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם - סֵיי אִין יְשִׁיבָה, אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִין מָאנְסִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אוֹיךְ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי פְרוֹיעֶן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוּן הֶערְן וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען מִיט הַאלְטְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען עֶנְדִיגְט שׁוֹין דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן; הַיינְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ טְרֶעילֶער צִיגְל אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֵייגְן צִיגְל אוֹיפְ'ן דְרִיטְ'ן שְׁטָאק. אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. אִם יִרְצֶה ה' גְלַייךְ נָאךְ פֶּסַח וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר בֶּעטְן פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אַז דוּ וִוילְסְט קוּמֶען דָאס יָאר צוּזַאמֶען בַּיי אוּנְזֶער ווִינְקְל, זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא בִּילְדֶער דוּ זָאלְסְט זֶען ווִי מֶען עֶנְדִיגְט דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

...

~~~~~~~~~~

**זֶען צוּ טוּן חֶסֶד פַאר אַ חַבֵר; נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב; הֶעלְפְן אוֹיף פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֶע צוּ טוּן חֶסֶד מִיט דַיין חַבֵר; אַז דַיין חַבֵר דַארְף צֶעטֵיילְן זַיינֶע קִינְדֶער פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי, לְמָשָׁל וֶוען עֶר דַארְף הָאבְּן אַ קִינְד וְכוּ' און עֶר קֶען נִישְׁט הַאלְטְן זַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ טוּ מִיט אִים אַ חֶסֶד און נֶעם אַ קִינְד. אַ יוּנְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן; אִיךְ גֵיי הָאבְּן אַ קִינְד לְמַזָל טוֹב, מִשְׁפָּחָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, חֲבֵרִים קֶענֶען נִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ דָא?" בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ אִיז שַׁיָיךְ זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ חַבֵר און אִים הֶעלְפְן, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ לוֹיפְסְט נָאךְ דָאס גֶעלְט וְכוּ'; גֶעלְט וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער און צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן. דֶער כְּתַב סוֹפֵר טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק (תְּהִילִים נא, טז): "הַצִּילֵנִי מִדָּמִים אֱלֹקִים", אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶועט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן פוּן מַיין גֶעלְט אַן אָפּ-גָאט"; דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'בַּעַל תְּפִלָּה' (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי לַאנְד פוּן עֲשִׁירוּת הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן זֵייעֶר גֶעלְט גָא-טְ'ן, מַלְאָכִים, מֶענְטְשְׁן און חַיּוֹת וְכוּ'.

מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים. יֶעצְט אוֹיף שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר מוּטִיגְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער. לָאז אָפּ טַעֲנָה'רֵייעֶן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מַאן און וַוייבּ קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' זָאלְן זֵיי אַרָאפּ שְׁרַייבְּן זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת אוֹיף אַ צֶעטְל און דָאס אַרַיין וַוארְפְן אִינֶעם פַייעֶר בַּיי שְׂרֵיפַת חָמֵץ און אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶם בְּלַאט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶּער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?" דָאס דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן דָא וִוי אַ גוֹלֶם?! אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁפִּירְן אַבִּיסְל וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, צוּם פֶּה-סָח".
~~~~~~~~~~

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּן אַוַדַאי דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער חַס וְשָׁלוֹם.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; שְׁלָאגְן קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן חִינוּךְ דָאס קוּמְט פוּן כַּעַס אוּן רְצִיחָה. שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט; כָאטְשִׁיג בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס וִוי מֶען הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אָבֶּער בֶּאֱמֶת טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף. וֵויי פַאר עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער; וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר: נוּץ נִישְׁט דַיינֶע הֶענְט; אַז דוּ וֶועסְט רַצְחֶ׳נֶען אוּן שְׁלָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן בַּעֲלֵי מוּמִין, פֶּעלֶערְהַאפְטִיג אוּן דֶערְשְׁרָאקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳. אִיךְ זֶע דָאס אָן בַּיי דִי קִינְדֶער אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן נָאר וַוייל דִי עֶלְטֶערְן רַצְח׳נֶען זֵיי. אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי כַּעַסִ׳יג אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף קֵיינֶעם".**

יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז דִיר בַּאשֶׁערְט שֶׁפַע פַארְלִירְסְטוּ דָאס מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט דוּרְךְ כַּעַס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן סח) אַז כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן רַייךְ אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען; כַּעַס אִיז אָבֶּער אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת – דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם תּוֹרָה אוּן וֵויין זִיךְ גוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְבַּיי, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן סַבְלָנוּת.

אַז דוּ וֶועסְט מְוַותֵּר זַיין וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִיר גְרוֹיס שֶׁפַע; מוֹהֲרָא״ש בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֵאִיר׳ל פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס טַייטְשְׁט דֶעם
~~~~~~~~~~~

פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ז, יד): "כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת" - "כַּף אַחַת", כַּף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אֵיינְבֵּייגְן (כְּפִיפָה); אַז אַ מֶענְטְשׁ בֵּייגְט אַיין זַיין גַּאֲוָה, "עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת", וֶועט עֶר וֶוערְן רַייךְ אוּן הָאבְּן שֶׁפַע; בִּפְרָט אִין שְׁטוּב פַאר דִי וַוייבּ, אוֹיבּ מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיס שֶׁפַע.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אַיין וֶוען אֵיינֶער אִיז מְבַזֶּה קֶען מֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן; וָואס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן קֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט דִיר וֵוי גֶעטוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט; אַנְשְׁטָאט עֶנְטְפֶערְן זָאלְסְטוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיר צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא; הַגַּם עֶס אִיז פְּרִיוַואט אָבֶער דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם חִיזּוּק. אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט לֶעצְטְנְס בַּיי מַיין זוּן וָואס לֶערְנְט יֶעצְט עִבְרִי אַז עֶר פַאלְט אַרוֹיס אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי כְּלָלִים; אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם מְלַמֵּד דֶערְוֶועגְן אוּן מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה. לְמַעֲשֶׂה, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט דִי עִבְרִי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד נֵרוֹ יָאִיר, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר צִי אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה בַּיי מַיין זוּן, זָאג אִיךְ אִים: "אַוַדַאי", אוּן אִיךְ זָאג אִים: "פּוּנְקְט הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעוָואלְט זָאגְן אַז דִי וָואךְ הָאט זִיךְ עֶס גֶעגֶעבְּן אַ רוּק פָארְאוֹיס; מִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ - דָא קֶען מֶען זֶען בְּחוּשׁ אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְּט"; אַזוֹי רֶעדְנְדִיג זֶע אִיךְ וִוי עֶר שְׁמֵייכְלְט, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "דוּ הָאסְט אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי אַ יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּזָּיוֹן, עֶר אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן וֶוען אֵיינֶער הָאט אוֹיף אִים גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה, קוֹדֶם הָאט עֶר מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט 'לָאז מִיר אָפּ', אָבֶער וֶוען
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאב אִים וַוייטֶער שֵׁיינֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ וִויל, הָאב אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר ווִינְטְשְׁן הַצְלָחָה מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דִי עִבְרִי אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן, עֶר הָאט מִיר גֶעווּינְטְשְׁן אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ ווִי זַאכְן רוּקְן זִיךְ, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה".

פַארְוָואס דֶערְצֵייל אִיךְ דִיר דֶעם סִיפּוּר? פַאר צְוֵויי טְעָמִים; אֵיינְס, גֶעב אַ קוּק וָואס פַאר אַ כֹּחַ מֶען הָאט אִין הִימְל ווֶען מֶען ווֶערְט פַארְשֶׁעמְט, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ אַיין ווֶען אֵיינֶער אִיז מְבַזֶּה קֶען מֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

צְוֵוייטְנְס, גֶעב אַ קוּק וָואס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד; עֶר טְרַאכְט אוּן לֶעבְּט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. עֶס בַּאדֶערְט אִים אַז אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הַאלְטְן נִישְׁט מִיט, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים אֵיין זַאךְ: "זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען בַּיי אִים ווִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין".

אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים וָואס מִיר הָאבְּן אִין חֵדֶר, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס; אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס מִיר הָאבְּן אִין סְקוּל, זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער מַמָּשׁ ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

לֶערְן זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט ווֵיי צוּ טוּן קַיין שׁוּם אִיד. קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁטֶעכְן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט פְּלִיקְן; פַארְקֶערְט, ווַייז פַאר דַיין חַבֵר אַ שְׁמֵייכְל, ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט - הַפָּצָה פַאר פְרוֹיעֶן - שְׁאֵלוֹת אִין חִינוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעווֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אוֹיךְ אַז דוּ הָאסְט נָאכְאַמָאל מְסַיֵּם גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דָאס ווֶעט דִיר אָפְּהִיטְן אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.
~~~~~~~~~~~

מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפְלֵייגְן ווִי אַזוֹי אַ לְוָיָ' זֶעט אוֹיס; דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט: "מַיין מַאן, אוֹיף וֶועם הָאסְטוּ מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט", דִי קִינְדֶער וֵויינֶען: "טַאטֶע, וֶוער ווֶעט אוּנְז גֶעבְּן גֶעלְט? וֶוער ווֶעט אוּנְז חֲתוּנָה מַאכְן?" פְלֶעגְט מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן נִפְטָר אַלֵיינְס". מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד; דִי חֶבְרָה קַדִּישָׁא קוּמֶען אוּן דֶעקְן אִים צוּ מִיט עֶרְד אוּן אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אָפּ אִינֶעם קֶבֶר?' עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין פֶעלְד-מַייזְן מִיט אַנְדֶערֶע חַיֶ'לעךְ, וֶוערֶעם אוּן שְׁלֶענְג אוּן זֵיי עֶסְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים פַאר'ן נִפְטָר.

אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט אִין לֶעבְּן עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֶבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען", אוּן מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט: "צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיּוֹת וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֶבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען".

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט אַז דַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט הַפָּצָה; מֶען שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס אוּן מֶען זָאגְט: "דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה!" וֶוען מֶען זֶעט ווִי יֶענֶער נֶעמְט דָאס פְרֶעגְט מֶען יֶענֶעם: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?" אַז יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט: זָאל מֶען פְרֶעגְן: "אִיר הָאט אֶפְשָׁר עֶפֶּעס? אַפָּאר פְּרוּטוֹת?" וַוייל אַסַאךְ מָאל זָאגְן מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין צְדָקָה וֶוען זֵיי הָאבְּן יָא וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען עֶרְוַוארְט פוּן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם, אוֹיבּ יֶענֶער זָאגְט: "עֶס אִיז גוּט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט", פְרֶעגְט מֶען יֶענֶעם סַיי ווִי: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?"

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז אוֹיבּ זִי ווִיל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים קֶענֶען מִיר דָאס שִׁיקְן פוּן אַמֶערִיקֶע, מִיר הָאבְּן אַ בֵּית הַדְּפוּס וואוּ מִיר דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָאַ"שׁ אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן; יֶעדֶער מֵפִיץ קֶען בַּאשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ קוּנְטְרֵסִים עֶר ווִיל; מִיר וֶועלְן אִיר דָאס שִׁיקְן.

זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ צוּגֵיין צוּ פְּרוּוְעֶן; עֶס קוּמֶען יֶעדְן טָאג מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, הַיינְט קוּמֶען שׁוֹין מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע קְרֵייזְן; מֶען אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעשְׁלָאגְן אַז אַלֶע זֶענֶען מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק. אִיז זֵייעֶר גוּט אַז זִי זָאל שְׁטֵיין בַּיים צִיוּן אוּן גֶעבְּן פַאר דִי אַלֶע גֶעסְט וָואס קוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר זֵיי זָאלְן אוֹיךְ ווִיסְן פוּן דִי זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לוֹיטֶערֶע וַואסֶער וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעשִׁיקְט קַיין אוּמַאן, אִיר וואוֹינְט דָארְט, זָאלְט אִיר דָארְט אַרַיין שַׁיינֶען אִין אַלֶעמֶען דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְויאַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער וֶועגְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְּרִיצוּת וְכוּ'; וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין? פָּשׁוּט, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קַיין גוֹיִם אוּן גוֹי'טֶעס וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט; "דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז אוֹיב מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען נָאכְדֶעם אַלֶע גוּטֶע זַאכְן". מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן חִינוּךְ דוּרְךְ אֵיין מָאל זָאגְן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן פוּן אֵיין מָאל הֶערְן; מֶען דַארְף שַׁיינֶערְהֵייט זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן עֶס אִיז עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם.

בְּנוֹגֵעַ צִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וְוי דִי מַאמֶע זֵייגְט וְכוּ' אוּן וְוי אַזוֹי מֶען עֶנְטְפֶערְט וֶוען עֶר פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם זֵיי זָאלְן זֶען וְוי דִי מַאמֶע זֵייגְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י.) אַז אוֹיף דֶעם הָאט אוֹיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' וְאַל תִּשְׁכְּחִי כָּל גְּמוּלָיו (תְּהִלִּים קג, ב)"; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי מִילְךְ, דִי עֶסְן וָואס אַ קִינְד עֶסְט - נֶעבְּן דִי הַארְץ וָואס דָארְט אִיז אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַנְדֶערְשׁ וְוי בַּיי אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי חַיִּים. עֶס אִיז גוּט אַז מֶען וַואקְסְט אוֹיף מִיט דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א): "אִם הַתִּינוֹק יוֹנֵק מֵחֲלֵב אִשָּׁה חֲצוּפָה, אֲזַי מִתְגַּבֵּר בּוֹ תַּאֲוָה זוֹ", אוֹיב דֶער קִינְד זֵייגְט מִילְךְ פוּן אַן אִשָּׁה חֲצוּפָה וֶועט זִיךְ אוֹיף אִים מִתְגַּבֵּר זַיין דִי תַּאֲוָה פוּן נִאוּף, "וְכֵן לְהֵפֶךְ, כְּשֶׁיּוֹנֵק חֲלֵב אִשָּׁה כְּשֵׁרָה", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אוֹיב דָאס קִינְד זֵייגְט מִילְךְ פוּן אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "אֲזַי לִבּוֹ חָלָל בְּקִרְבּוֹ, וְאֵין לוֹ חֲמִימוּת", וֶועט עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָּׁה. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "הֶחָלָב שֶׁל צַדֶּקֶת הוּא טוֹב לַתִּינוֹק לְיִרְאַת שָׁמַיִם, וְגַם נוֹתְנוֹת לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", מִילְךְ פוּן אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם פַאר'ן קִינְד.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי יְסוֹד פוּן אַ שׁוּל אִיז 'זְמַנִים'.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שִׂמְחָה; מַיין טַאטֶע הָאט גֶעמַאכְט שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ בִּזָיוֹן וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וָואס הָאט פַּאסִירְט שַׁבָּת וֶוען מֶען הָאט דִיר פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן דִיר פַארְשֶׁעמְט פַארְ'ן צוּגַיין צוּם עָמוּד צַייטְלִיךְ וְכוּ'; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּ בִּיסְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעדַאוְונְט, אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט פוּפְצְן יָאר כְּדַאי דֶער מִנְיָן זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם. דִי יְסוֹד פוּן אַ שׁוּל אִיז 'זְמַנִים'; אוֹיבּ שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ דַאוֶוענֶען אוֹיף אַ בַּאשְׁטוּמְטֶע צַייט הָאט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַצְלָחָה, אָבֶּער אַז נִישְׁט - צֶעפַאלְט עֶס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין דֶעם לֶעצְטְן נִסָיוֹן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּער, שְׁטֶעלְט מֶען מִיר פַאר אַ נִסָיוֹן"; אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען אִיז אַלֶעס בֵּייגֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ אַלֶע מְנִיעוֹת, דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

זֶע צוּ זַיין פוּן דִי מַשְׁפִּיעִים אוּן נִישְׁט פוּן דִי מְקַבְּלִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין ח:): "אֵידִי דִטְרִידִי סִימָנִין לַאֲפוּקֵי דָם - לָא בָּלְעֵי", כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט צוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן נֶעמְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס; לֵייג צוּ אַ הַאנְט פַאר הַפָּצָה, כַאפּ אַ זְכוּת אוּן נֶעם עֶפֶּעס אוֹיף דִיר וָואס דוּ וֶועסְט דָאס טוּן. דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן רְשׁוּת, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, שִׁיעוּרִים וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז הֶפְקֵר פַאר אַלֶעמֶען, וֶוער עֶס ווִיל דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן טוּן - תָּבוֹא עָלָיו בְּרָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז הִתְחַדְשׁוּת - זִיךְ בַּאנַייעֶן; הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר ב', מְבָרְכִים נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; שַׁבַּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס יוֹם הוּלֶדֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תקל"ב, עֶס אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעפַאלְן אַזוֹי וִוי הֵיי יָאר אַז שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ גֶעפַאלְט אוֹיס אִין פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ.

מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז הִתְחַדְּשׁוּת – זִיךְ בַּאנֵייעֶן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, אוּן אַן אַלְטֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם נֶעכְטִיגְן שִׁיעוּר וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַׁת לֵוִי דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן פֶּסַח'דִיג, פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז קשר"ק וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: תְּקִ'יעָה שְׁ'בָרִים תְּ'רוּעָה תְּקִ'יעָה, אִיז אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן, רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁרְ'ן", אוּן דִי הֲלָכָה אִיז אַז בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּעַל מַקְרִיא וָואס זָאגְט: "תְּקִיעָה, שְׁבָרִים, תְּרִיעָה", אַזוֹי וֵוייסְט דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ וָואס צוּ בְּלָאזְן, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ זַיין בַּיים פֶּסַח'דִיג מַאכְן; דֶער מַאן דַארְף הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי קְ'רַאצְן, שַׁ'ארְן, רַ'ייבְּן אוּן כַּ'שֶׁרְ'ן אַזוֹי וֶועלְן אַרוֹיס קוּמֶען שֵׁיינֶע מַלְאָכִים וְכוּ'. אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן, קֶען מֶען אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל גוּטֶע וֶוערְטֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן, מִיט אַבִּיסְל מְסַדֵר זַיין וָואס צוּ טוּן קוֹדֶם אוּן וָואס נָאכְדֶעם; בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב. רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין ווייב, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס חַס וְשָׁלוֹם אוּן בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִין שְׁטוּב. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח): דוּרְךְ כַּעַס שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי פַּרְנָסָה.

הֶעלְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּב; גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּב, מֶען קֶען זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם וֶוען מֶען הֶעלְפְּט אִין שְׁטוּב".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶרֶב סוּכּוֹת: "אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרָאבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִין דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת".

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן בֶּעטְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה אוּן פַאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב וְכוּ' אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִּיל, אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע אוּן פְּרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אַלְץ אַ שֶׁענֶערֶע יוֹם טוֹב הָאט עֶר.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא בִּילְדֶער וִוי מֶען בּוֹיט ווייטֶער דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט דָאס זַיין אַ לִיכְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; וואוֹיל אִיז דֶער וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גְּמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען אִיךְ זָאג גְמָרָא. אִיז דָאס נָארְמַאל, עֶס קוּמְט אַזוֹי? אָדֶער אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – בִּפְרָט לִימוּד גְּמָרָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): ״בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם״ – זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי; פְרֶעגְט מוֹהַרָא״שׁ: ״וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא, אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקְלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה מֵיינֶען צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאקְלָאגְט זִיךְ: ׳מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל, מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט׳, אַז עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים: נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא אוּן לֶערְן דָאס, ׳בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי׳ – דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער? ׳כְּמֵתֵי עוֹלָם׳ – דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ? עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, ׳זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי׳ – נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג אוּן דִיר מַאכְן לֶעבְּן״.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם וָוען דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר עֶפֶענֶען דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַיין הַארְץ אַז דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן דָאס לִיכְטִיגְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה. בִּפְרָט בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבָה רַבָּה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט זָאל מֶען מַאֲרִיךְ זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען הָאט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט פוּן הִימְל אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי לַאנְג אִין גָלוּת אִיז וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט מַאֲרִיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה (כַּמּוּבָא בְּתוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת וָאֵרָא); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם: **"וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקַייט וָואס לִיגְט אִין דִי גְּמָרָא"**, וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן - נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט - נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ בָּ"ה אַ גוּט לֶעבְּן מִיט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער סְ'דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דָאס אִיז אַז סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי. ווִיפִיל אִיךְ פְּרָאבִּיר אַלֶע מִיטְלֶען, וֶועט עֶס הֶעלְפְן אֶפְשָׁר פַאר אֵיין טָאג, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט עֶס צוּרִיק צוּם אַלְטְן.

אִיךְ הָאבּ אַן אַרְבֶּעט, מוּז אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט צוּ דִי אַרְבֶּעט. וָוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף לוֹיף אִיךְ גְלַייךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט, אוּן שְׁפֶּעטֶער בַּיי הַפְסָקָה גֵיי אִיךְ שְׁנֶעל דַאוֶונֶען.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אִיבֶּער דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**
~~~~~~~~~~~

דַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ טַאנְצְט עֶר אַרוֹיס אִינְדֶערפְרִי פוּן בֶּעט אוּן לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג דֶערמָאלְט וִויל מֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין, מֶען בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן בִּיז שְׁפֶּעט אִין טָאג אַרַיין. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט וֶוערְט מֶען נָאךְ מֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן וְכוּ'.

זָאלְסְטוּ זֶען מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין אוּן אַרְבֶּעטְן...אִיז אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט אַלֶעס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן נִישְׁט וֶוערְד.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' - אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גּוֹי! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אוּן פַאר מַיין גֶעזוּנְט. אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשְׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט בַּאזוּנְדֶער; פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אַז עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג אוֹיפְצוּשְׁטֵיין; עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן בֶּעט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ אַרְבֶּעטְן; דָאס אַלֶעס אִיז אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מִיר צוּנֶעמֶען מַיין אִידִישְׁקַייט, מַיין טַלִּית וּתְפִלִּין. עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין עַצְבוּת, עֶר רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת כְּאִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן, אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַז מַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת גֵייעֶן צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא. דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז גּוֹרֵם אַז אִיךְ בְּלַייבְּן אִין בֶּעט שְׁלָאפְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאסְטוּ מִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן דוּ וַוארְטְּסְט אוֹיף מַיין תּוֹרָה וּתְפִילָה; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אִיךְ וֶועל לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט אוּן הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס קֶען אַ פְרוֹי נִישְׁט טוּן אַלֶע מִצְווֹת אַזוֹי וִוי דִי מֶענֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אוּן אִיךְ וִויל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִלִין, אוּן טוּן אַלֶע מִצְווֹת פּוּנְקְט וִוי דִי מֶענֶער. אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ פְרוּמֶע שְׁטוּב, מַיין טַאטֶע הָאט אַלֶעמָאל גֶעטוּן אלע מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן דִי הֶעכֶערְקַייט וָואס מְ'שְׁפִּירְט אִין דֶעם. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַוֶועקְצוּלֵייגְן גֶעלְט אוּן זִיךְ קוֹיפְן שְׁטִילֶערְהֵייט תְּפִלִּין אוּן עֶס אָנְטוּן אִינְדֶערְהֵיים וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן וֶועגְן דֶעם, אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יִיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

וֶוער לָאזְט אַייךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן טוּן אַלֶע מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן?! פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ דַאוֶוענֶען; אַדְרַבָּה, אַז עֶס בְּרֶענְט אַייךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶרֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַזַא דִיבּוּר: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט; פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.
~~~~~~~~~~~

פְרוֹיעֶן זֶענֶען גָאר נִישְׁט וֶוייניגֶער וִוי דִי מֶענֶער; אוֹיבּ עֶפֶּעס זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן חָשׁוּבֶ'ער וִוי דִי מֶענֶער, ווייל אִין זֵייעֶר זְכוּת צִיט זִיךְ ווייטֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן מִצְוֹות עֲשֵׂה'ס מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען וֶוייניגֶער וְכוּ' נָאר דָאס אִיז דֶער וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דִי מִצְוֹות וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ צַייט זֶענֶען מֶענֶער מְחִיוּב אוּן פְרוֹיעֶן פָּטוּר.

נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אֵייעֶר קָאפּ דִי זַאךְ פוּן תְּפִילִין. פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (הָרְמָ"א בְּאוֹרַח חַיִים סִימָן לח, סְעִיף ג) אַז אוֹיבּ אַ פְרוֹי ווִיל אָנְטוּן תְּפִילִין דַארְף מֶען אִיר צוּרִיק הַאלְטְן דֶערְפוּן; טַלִית וּתְפִילִין אִיז נָאר פַאר אַ מַאן.

אַנְשְׁטָאט זוּכְן מִצְוֹות וָואס זֶענֶען נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר פְרוֹיעֶן זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר פְרוֹיעֶן - מְגַדֵל זַיין קִינְדֶער לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן מֶער וִוי פַאר דִי מֶענֶער ווייל אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן ווארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס אִיר הָאט וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט קִנְאָה צוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶערְ'ס שָׁלוֹם בַּיִת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו, סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ בִּין גֶע'גֶט. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס זִי מִיט אִיר מַאן הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוֹיס, אָן זֵיי ווָאלְט אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן מַיינֶע צָרוֹת, זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן זֶענֶען אֵייבִּיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מְ'דַארְף.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵא מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף אוֹיךְ דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס זִי בַּאקוּמְט פוּן אִיר מַאן, אוּן אִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן סְ'בְּרֶענְגְט מִיר אוֹיךְ צוּ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?
~~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט רַחֲמָנוּת: גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אֵייעֶר לֶעבְּן! רֶעדְט נִישְׁט מֶער מִיט אֵייעֶר שְׁוָואגֶער וַוייל אִיר וֶועט בַּיים סוֹף אַלֶעס פַארְלִירְן.

אַז אִיר דַארְפְט הִילְף זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער; אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְסַדֵר זַיין בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל גֵיין דוּרְךְ אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער, אָבֶער נִישְׁט מִיט אֵייעֶר שְׁוָואגֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פַאר אַ פְרוֹי ווי צְנִיעוּת; אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רוּת ווי זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת אוּן אַדַאנְק דֶעם הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט בּוֹעַז אוּן פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶלֶךְ, אַזוֹי ווי מִיר גֶעפוּנֶען (רוּת רַבָּה ד, ח): "כָּל הַנָּשִׁים מְשַׂחֲקוֹת עִם הַקּוֹצְרִים, וְזוֹ מַצְנַעַת עַצְמָהּ", בּוֹעַז הָאט גֶעזֶען ווי אַלֶע פְרוֹיעֶן לַאכְן מִיט דִי מֶענֶער וָואס שְׁנַיידְן דִי תְּבוּאָה אָבֶער רוּת הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, הָאט עֶר גֶעוְואוּסְט אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי.

אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן; מֶען קֶען צוּ קוּמֶען צוּ אִיסוּר יִחוּד וָואס אִיז אַן אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל רַחֲמָנָא לִצְלָן וְכוּ'.

אִין זְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אֵייעֶר צְנִיעוּת, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ עוֹמֵד צוּ זַיין בְּנִסָיוֹן וְכוּ', וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן בְּקָרוֹב אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אִיר וֶועט שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין וְכוּ', אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיר וֶועט לֶעבְּן אֵייעֶר לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאבּ בִּזְיוֹנוֹת אִין מַיין שׁוּל, זָאל אִיךְ גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
~~~~~~~~~~~

איך בין אַ חַבַּ"ד'סְקֶער חָסִיד, און איך בין זיך מְחַיֶה מִיט אייעֶרע גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען איר זָאגְט נָאךְ פון דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פון דִי חֲסִידִים אִין רוסְלַאנְד, און פון דִי רַבֵּיִים פון חַבַּ"ד נ"ע.

איך הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, איך דַאוֶוען אִין אַ חַבַּ"ד שׁוּל, אָבֶּער דֶער רַב דָארְט אִיז זֵייעֶר אַ נֶערְוֶועזֶער, און עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר אַסַאךְ מָאל, איך לַייד אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת פון אִים, ס'אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער אַוֶועקְצוּגֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, ווייל דָארְט הָאבּ איך מַיינֶע חֲבֵרִים און מְ'דַאוֶוענְט מַיין נוּסַח.

איך ווייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי בִּזְיוֹנוֹת, עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר אַסַאךְ מָאל בָּרַבִּים, און פון אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת, מְ'קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם דִי עֲבֵירוֹת, מַיין נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִיּוֹת וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֶערְט מִיר דָאס אויךְ זֵייעֶר אִין עֲבוֹדַת ה', עֶס צֶעבְּרֶעכְט אויךְ מַיין נֶפֶשׁ אלקי, איך וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, איך בין זיך מִתְרַשֵׁל פון דַאוֶוענֶען, פון דִי אַרְבֶּעט, און פון מַיין הויז, עֶס רוּיבְּט צוּ מַיין זֶעלְבְּס זִיכֶערְקֵייט.

איך הָאבּ גֶעפְרֶעגְט בַּיי חֲסִידִים, און זֵיי אַלֶע זָאגְן מִיר אַז מְ'דַארְף נֶעמֶען בִּזְיוֹנוֹת אָן קֵיין פְּשָׁרוֹת. איך ווִיל אָבֶּער ווִיסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם, צִי ס'לוֹינְט זיך טַאקֶע צוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט יֶעדְן טָאג, און פַארְלִירְן דִי עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אויךְ דִי מִצְוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶע חִיזוּק און דְרָשׁוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאוֶוענֶען דָארְט וואו דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דַאוֶוענֶען וְכוּ׳, וַוייל עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס לוֹיפְן אַוֶועק פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן דִי לוֹיפְן נָאכְדֶעם וַוייטֶער אַוֶועק צוּ אַ דְרִיטֶע שׁוּל וְכוּ׳.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): ״כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואו צוּ דַאוֶוענֶען בִּקְבִיעוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן, ״וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ״, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אוֹיף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וֵויי פַאר דֶעם עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וֵויי פַאר דֶעם חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶען זִיךְ מַאכְן ווִיכּוּחִים אוּן אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, בִּפְרָט בַּיי חֲסִידִים וְכוּ׳; מִמֵּילָא, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ בֵּית מֶדְרָשׁ וואו עֶר דַאוְונְט אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט, עֶר בְּלַייבְּט דָארְט דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים וְכוּ׳, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ

אִיז אַ "עָנָיו" אוּן אַ "חָסִיד", "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ"; וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עָנָיו וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט אוּן נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ עָנָיו, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ וֶועסְט זִיצְן אִין דַיין ווִינְקְל אוּנְטֶער דַיין טַלִית וֶועט דִיר דֶער רָב נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ זוּכְן צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי דַארְפְן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ'.

מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ טְרֶעט אוֹיף אִים - מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וואוּ עֶר גֵייט אוּן ווִי עֶר שְׁטֵייט שְׁפְּרִינְגְט אֵיינֶער אַרוֹיף אוֹיף אִים; עֶר דַארְף אַן עֵצָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זִי"עַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אוּן אַזוֹי טְרֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דִיר? בֶּעסֶער זִיץ אִין דִי זַייט אִין דַיין ווִינְקֶעלֶע, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר".

נֶעם אַרַיין אִין דִיר דֶעם דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק זִי"עַ וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבְבָא.

...

~~~~~~~~~~

### וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', אוּן אַז 'קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט', אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי מְחַנֵךְ זַיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, לֶעבֶּדִיג אוּן נִישְׁט הֶערֶעווְדִיג. קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי - נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָּאלְגְן וְכוּ'.

יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָמָה וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין; דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' וֶוען דוּ וֶועסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ וֶועסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן פָּאלְגְן.

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, אַז וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג וֶוען מֶען זֶעט ווִי זֵיי הֵייבְּן אָן בְּלָאזְן אוּן מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיב מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען הֵייבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן - דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן ווַייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע וֶוערְט גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט. נָאר קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שׁוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] אוּן צוּרִיק צוּעֶן.

וְעַל כּוּלָם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, ווַייל תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, בִּפְרָט תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס מֵיינְט בִּיטוּל צוּ אַ צַדִיק?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס ס'מֵיינְט בִּיטוּל צוּ אַ צַדִיק, ווִי אַזוֹי אִיז מֶען דָאס מְקַיֵּים בִּשְׁלֵימוּת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים צוּ ווִיסְן ווָאס דֶער רֶבִּי ווִיל בִּכְלָל מִיר זָאלְן טוּן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

דֶעריבֶּער אַז מֶען ווִיל ווִיסְן ווָאס דֶער רֶבִּי ווִיל דַארְף מֶען לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן נָאכְדֶעם ווָאס מֶען ווֵייסְט שׁוֹין ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דַארְף מֶען פָּאלְגְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעס ווָאס עֶר זָאגְט. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכג) אַז דֶער עִיקָר אוּן דֶער יְסוֹד אִין ווָאס אַלֶעס ווֶענְדְט זִיךְ - אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּם צַדִיק הַדוֹר אוּן אָנְנֶעמֶען אַלֶעס ווָאס עֶר זָאגְט, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָוֶועקְקֶרִירְן פוּן זַיינֶע ווֶערְטֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין סִפְרֵי פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, פִּיסְקָא קנד): "אֲפִילוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שֶׁהוּא שְׂמֹאל וְעַל שְׂמֹאל שֶׁהוּא יָמִין"; דָאס הֵייסְט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אִינְגַאנְצְן אָוֶועק ווַארְפְן זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נָאר דָאס ווָאס עֶר בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִיק. אוּן ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נָאךְ מִיט זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אֶמֶת'דִיג מְקוֹרָב צוּם צַדִיק.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ווָאס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז - מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁווֶערֶע טֶעג אוּן בִּיטֶערֶע צֵייטְן דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק ווָאס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיב עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן 'זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם צַדִיק' צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. ווַייל ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם",

אַז אִיךְ פְרֵייא זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ צוּ טוּן; מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס מֶען לָאזְט אָפּ אַלֶעס, גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים בֶּעטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר"**. אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער אוּן מֶען טְרַאכְט: 'וָואס?' 'וֶוען?' 'וִוי?' 'וֶוער דַארְף מִיר?' 'וֶוער הֶערְט מִיר אוֹיס וְכוּ' וְכוּ'?' דָאךְ דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, 'זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק' אוּן יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ צַייט צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דְרִיטְנְס - מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער: 'דַארְף מֶען זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק' אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בְּשַׁעַת מֶען לֶערְנְט, "רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען

פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס – אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין – מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ – מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה"", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

גְלֵייבּ מִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מְקַיֵּים זַיין דִי דְרֵיי זַאכְן; דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן – דָאס אִיז בִּיטוּל בִּשְׁלֵימוּת צוּם צַדִּיק און דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### מֶעגְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיטְזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק און דְּרָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ דְרָשָׁה ווִי אִיר זָאגְט אַז דִי מִשְׁפָּחָה קֶען זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, דֶער טַאטֶע מִיט דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

איך מֵיין אַז דָאס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה, אוֹיבּ וֵוייס אִיךְ גוּט אִיז דִי הֲלָכָה אַז דֶער טַאטֶע מֶעג טַאקֶע הֶערְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער זִינְגֶען, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז קוֹל בְּאִשָּׁה עֶרְוָה, אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדוּשָּׁה בִּשְׁעַת זֵיי זִינְגֶען. אַזוֹי ווִי וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעדֶעקְט צְנִיעוּת'דִיג אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַארְ'ן טַאטְ'ן אוּן מַאן, אָבֶער עֶר טָאר נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדוּשָּׁה אִין פָּארְנְט פוּן זֵיי.

איך הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס עֶנְטְפֶערְן אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (ג' אֲלָפִים, תמ"ד) פְרֶעגְט אֵיינֶער אָן מוֹהַרָא"שׁ אַזַא שְׁאֵלָה: "אִיךְ פִיר זִיךְ צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּזַאמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער הֶיוֹת אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן מִיט זִינְגֶען צוּזַאמֶען מִיט מִיר דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?" אוּן מוֹהַרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִים: "אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ שֶׁאַתָּה שָׁר וּמְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשׁוּלְחָן הַשַּׁבָּת עִם כָּל הַיְלָדִים", וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ זִינְגְסְט זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, "שֶׁרַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הִקְפִּיד עַל זֶה מְאֹד מְאֹד, וְרָצָה שֶׁאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יָשִׁירוּ בְּכָל שַׁבָּת אֶת שִׁירֵי הַשַּׁבָּת וְיֹאמְרוּ אֶת כָּל הַזְּמִירוֹת וְלֹא יִתְבַּיְּישׁוּ מֵאַף אֶחָד, כִּי עִיקַּר הַיַּהֲדוּת זֶה תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת", ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִינְגֶען יֶעדְן שַׁבָּת נִיגוּנִים לִכְבוֹד שַׁבָּת, אוּן מֶען זָאל זָאגְן אוּן זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם, ווַייל זִינְגֶען זְמִירוֹת אִין שַׁבָּת אִיז אַן עִיקָּר אִין אִידִישְׁקֵייט.

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ ווַייטֶער: "וְלָכֵן גַּם הַבָּנוֹת הַגְּדוֹלוֹת יְכוֹלוֹת לָשִׁיר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף זֶה בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה", דֶערִיבֶּער קֶענְסְטוּ זִינְגֶען מִיט דַיינֶע מֵיידְלֶעךְ דִי זְמִירוֹת ווַייל דָאס אִיז דָאךְ דַיין מִשְׁפָּחָה. "וְכַמּוּבָן, שֶׁאָסוּר שֶׁיִּהְיוּ שָׁמָּה אֲנָשִׁים זָרִים", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס טָארְן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, ווַייל (בְּרָכוֹת כד:): "קוֹל בְּאִשָּׁה – עֶרְוָה", פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן טָארְן נִישְׁט הֶערְן פְרוֹיעֶן זִינְגֶען, "אֲבָל בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה, שֶׁלֹּא נִמְצָאִים רַק אָתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְהַיְלָדִים – מוּתָּר גַּם לַבָּנוֹת הַגְּדוֹלוֹת לָשִׁיר", אָבֶער מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אַלֵיין, וֶוען נָאר דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי דִי סְעוּדָה קֶענֶען זֵיי מִיט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.

מוֹהַרָא"ש פִּירְט אוֹיס דִי תְּשׁוּבָה: "וְזֶה מֵעִיקַר הַחִינּוּךְ - לְחַנֵּךְ אֶת הַיְלָדִים שֶׁיָּשִׁירוּ זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, שֶׁזֶּה דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער אִיז אַן עִיקָר אוּן אַ יְסוֹד אִין חִינּוּךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**מַיין מַאן אִיז אַ מְלַמֵּד, דַארְף עֶר הָאבְּן אוֹיסֶער דֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְחַזֵּק, אוּן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי, אוּן מַיין מַאן אִיז אַ מְלַמֵּד. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר זָאל גֵיין בַּייְנַאכְט צוּ אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר זָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֶדֶר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין יוֹצֵא מִיט דֶעם, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ עֶר אִיז גֶערֶעכְט מִיט דֶעם.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין זַיין תּוֹרָה, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ גְרֵייט אִים צוּ עֶסְן אוּן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען רוּאִיגֶערְהֵייט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֶדֶר, אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיךְ אַ גֶעהֶערִיגֶע שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה יֶעדֶע נַאכְט.

זָאל אִיךְ אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל גֵיין לֶערְנֶען בַּיינַאכְט? אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס זָאג אִיךְ אִים? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן עֶר זָאל ווֶעלְן גֵיין לֶערְנֶען בַּיינַאכְט?

אַגַב, מִיר ווַארְטְן שׁוֹין דְרֵיי יָאר אוֹיף קִינְדֶער, לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ דַאנְק בְּרִיו אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָבֶּער ווֶען אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעווִיזְן פַאר מַיין מַאן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט, פַארְוָואס זָאל מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? מִיר דַארְפְן נָאר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דֶער רִיכְטִיגֶער ווֶעג צוּ טוּן ווֶעגְן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיו.
~~~~~~~~~~

איר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" - אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימֶל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד; אֱמֶת, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ מְלַמֵּד נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבֶ'ע שְׁטֶעלֶע, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי. מְלַמְּדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן אַן אַחְרָיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל אַ מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְהֵייבְן קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצְן לֶעבְן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ - עֶר קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אִים אַזוֹי אַרָאפְּקְלַאפְּן, אַז דֶער קִינְד זָאל בְּלַייבְן אַ צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמָה אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְן.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס אִיז עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז עֶר גֵייט נִישְׁט בַּייְנַאכְט לֶערְנֶען וְכוּ'. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מְלַמְּדִים וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ מִיר מִיט דִי טַעֲנָה אַז זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים: "לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז מֶער וִוי לֶערְנֶען פַאר זִיךְ"; וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אִיז דָאס תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה מט:): אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כו): "פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְ'תוֹרַת חֶסֶד' עַל לְשׁוֹנָהּ", וָואס אִיז תּוֹרַת חֶסֶד אוּן וָואס אִיז נִישְׁט קֵיין תּוֹרַת חֶסֶד? "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ - זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד, שֶׁלֹּא לְלַמְּדָהּ - זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ שֶׁל חֶסֶד", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְן - בִּפְרָט מִיט רֵיינֶע קִינְדֶער תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס זֶענֶען נָאךְ לוֹיטֶער אוּן רֵיין - דָאס אִיז תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַזַא תּוֹרָה.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג תּוֹרָה לִשְׁמָהּ; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן מֹחַ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט נָאךְ אַ טָאג זִיצְן מִיט קִינְדֶער, זָאלְט אִיר אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן פַאר'ן אֵייבֶערְשְׁטְן בְּרִיוְון וְכוּ'; וֶוען מֶען אִיז צוּקְרִיגְט מִיט אֵיינֶעם אוּן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ יֶענֶעם הֵייבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרִיוו, וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ אָנְצוּהֵייבְן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם וְכוּ', אָבֶער מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ רֶעדְן, דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֶּעטְן נָאכְמַאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶע מַאן וְכוּ׳, אַז אִיר זֶענְט בֵּיידֶע גֶעזוּנְט וְכוּ׳ אוּן אַז אִיר וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ אִים, אוֹיף דֶעם אַלֶעם זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוּן נָאכְן דַאנְקֶען בֶּעטְ׳ס אִים: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזַא גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע וֶועלְט, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער״; שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי וִוי חַנָּה שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא׳ס מַאמֶע - הָאט גֶעבֶּעטְן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לא.): ״כַּמָּה הִלְכְתָא גִבְרָתָא אִיכָּא לְמִשְׁמַע מֵהָנֵי קְרָאֵי דְחַנָּה״, זֵייעֶר אַסַאךְ הֲלָכוֹת אִין הִלְכוֹת תְּפִלָּה לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן חַנָּה דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא; זִי הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיג קִינְד. זִי הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״ה׳ צְבָאוֹת״ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת, שָׁם) אַז זִי הָאט גֶעזָאגְט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזַא גְרוֹיסֶע וֶועלְט, בֶּעט אִיךְ דִיר גֶעבּ מִיר אַ קִינְד״, בֶּעטְס אוֹיךְ אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בְּקָרוֹב וֶועט אִיר מִיר מְבַשֵּׂר זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק, וַוייל אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פָּשׁוּט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ טוּ. אוֹיךְ בַּיינַאכְט וֶוען אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֵיין מַיין טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ רֶעדְן וִוי אַזוֹי מַיין טָאג אִיז נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער. אוּן צוּם סוֹף קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ רֶעד גָארְנִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בּוּשָׁה אִיז אַ גוּטֶע מִידָּה אוּן דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי מִידּוֹת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַארְמָאגְן (עַיֵּין יְבָמוֹת עט.).
~~~~~~~~~~~

אָבֶער נִישְׁט דָאס זָאל דִיר מַאכְן זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַדְרַבָּה, זָאג אַרוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת"**, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרָאפּ גֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מא.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס, זֶעט אַלֶעס אוּן וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין. לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס? זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וַוייל דֶער שָׂטָן שְׁטֵייט אוּן אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט. אִיז אוֹיב קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ פַאר דֶעם אוּן זָאגְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן קֶען דֶער שָׂטָן מֶער נִישְׁט קוּמֶען מְקַטְרֵג זַיין, "וְעַל דָּא, אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי", דֶערִיבֶּער פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי קֶען דֶער שָׂטָן מֶער נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר אָפְּהִיטְן אוּן הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע, אוּן זָאג אִים צוּ אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין גוּט; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ'ע תְּשׁוּבָה.

...

~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן קְלוּג פוּן גְמָרָא, אוֹיב זָאגְט מֶען בְּלוֹיז?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער וִוי אִיר רֶעדְט אַסאַךְ צוּ דִי בְּחוּרִים וֶועגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אִיךְ גְלֵייב בָּ"ה אִין צַדִיקִים, אִיךְ גְלֵייב אִין מוֹהַרְאַ"שׁ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

יֶעדֶער וֵוייסְט אַז לֶערְנֶען גְמָרָא מַאכְט קְלוּג, אַזוֹי וַוייט אַז מְ'זָאגְט אַז אֲפִילוּ גוֹיִם אִין צָפוֹן קָארֶעאָ לֶערְנֶען גְמָרָא זִיךְ אוֹיסְצוּשַׁארְפְן דִי קֶעפּ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַז קֶען מֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס מַאכְן קְלוּג? אַז מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן מְ'מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, וִוי אַזוֹי וֶוערְט דֶער קָאפּ אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט פוּן דֶעם?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט ח"ו אָפְּצוּפְרֶעגְן, נָאר אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין.
~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם אִין וִויכּוּחִים; בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; וֶוען אֵיינֶער אִיז קְלוּג, עֶר נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - טוּט עֶר קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבָה, עֶר טוּט נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אַ טוֹבָה, אוּן וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים, מַאכְט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לֵיצָנוּת.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר: "וְאָיַבְתָּ אֵת", מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן - דָאךְ הָאט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵין שָׁם.

קוּק וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, "לָעֵי בָּהּ", מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ, "וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אוּן לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט דָאס אַיין אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל",

וָואס מֶען רופְט אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיוּת'דִיג זַאךְ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט וְכוּ' פוּן גוֹיִם וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי) אוֹיפְן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ", – "כִּי הַתּוֹרָה הִיא רוּחָנִיּוּת", דִי תּוֹרָה אִיז אַ רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ, "וַאֲשֶׁר זַךְ וְיָשָׁר פָּעֳלוֹ, וְשִׂכְלוֹ רוּחָנִי יָכוֹל לִתְפֹּס כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וְלֹא יִשְׁכַּח דָּבָר", וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אוּן וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן, "כִּי דָּבָר רוּחָנִי אֵינוֹ תּוֹפֵס מָקוֹם, וִיכוֹלָה הַתּוֹרָה לְהִתְפַּשֵּׁט וְלִשְׁכֹּן בְּשִׂכְלוֹ", ווייל אַ רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ פַארְנֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, עֶס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אָן קַיין שִׁיעוּר, "אַךְ מִי שֶׁהוּא מְגַשֵּׁם דִּבְרֵי הַתּוֹרָה וְעוֹשֶׂה מִמֶּנָּה מַמָּשׁוּת, אֲזַי יֵשׁ לָהּ שִׁעוּר וְקִצְבָּה כַּמָּה הוּא יָכוֹל לִתְפֹּס בְּשִׂכְלוֹ וְלֹא יוֹתֵר", וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה נָאר וִויפִיל עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק: "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה", מִיטְן פָּסוּק (שְׁמוֹת י, כא): "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ", אַז יָמוּשׁ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מַמָּשׁוּת, דָאס וָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה: "הִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִּהְיֶה מַמָּשׁוּת וְגַשְׁמִיּוּת בְּדִבְרֵי הַתּוֹרָה", מַאךְ נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיּוּת פוּן דִי תּוֹרָה, נָאר קוּק אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ זַאךְ וָואס אִיז רוּחְנִיּוּת וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵיין אִין מִקְוֶה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער לֶעצְטְנְס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז וֶוען אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין אַ זָרִיז וְנִפְסָד. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פוּן דֶעסְט וֶועגְן נָאכְאַלְץ גֵיין אִין מִקְוֶה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.
~~~~~~~~~~~

דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה; דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס הִיט אִים אָפּ אוֹיף וַוייטֶער נִישְׁט אַרָאפּ צוּ פַאלְן. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָואלְט טוּן אַן עֲבֵירָה וְכוּ', אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה; אַלֶע פְרֶעגְן שׁוֹין, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי מִקְוֶה הָאט אִים צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה? אוֹיבּ אִיז עֶר אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל גֵיין זִינְדִיגְן וְכוּ', וָואס אִיז אִים אַ חִילוּק צִי עֶר וֶועט יָא גֵיין אִין מִקְוֶה אָדֶער נִישְׁט? נָאר דָא זֶעט מֶען וָואס מִקְוֶה אִיז. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה, עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וֶועט אִים דִי מִקְוֶה צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת.

אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן דַארְפְסְטוּ דָאךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה כְּדֵי אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן מִיט וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.): "אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לָעַיִן לִרְאוֹת אֵין כָּל בְּרִיָּה יְכוֹלָה לַעֲמוֹד מִפְּנֵי הַמַּזִּיקִין וְכוּ', כָּל חַד וְחַד מִינַּן, אַלְפָּא מִשְּׂמָאלֵיהּ וְרִבְבָתָא מִימִינֵיהּ", וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס שְׁטֵייעֶן אַרוּם זִיךְ, וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר וָואלְט גֶע'חַלְשׁ'ט פוּן שְׁרֶעק; מִיט אַ יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּק וָואס מֶען קוּקְט בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים רַחְמָנָא לִצְלָן וָואס בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ, אָבֶּער וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה פַארְלִירְן זֵיי דִי שַׁייְכוּת מִיטְן מֶענְטְשׁ, ווַייל קְלִיפּוֹת זֶענֶען רוּחַ אוּן 'רוּחַ' מִיט 'מַיִם' גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן נד): "עַל-יְדֵי יְשִׁיבָה בַּמִּקְוֶה תַּחַת הַמַּיִם, עַד שֶׁלֹּא יוּכַל לְהַחֲזִיק בְּעַצְמוֹ הָרוּחַ וְהַנְּשִׁימָה, נִמְתָּק הַדִּין", אוֹיבּ מֶען הַאלְט אַיין דִי אָטֶעם אוּנְטֶערְן וַואסֶער וִוי לַאנְג מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָטֶעמֶען, דֶעמָאלְט וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן וִוי תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; פְּרָאבִּיר צוּ גֵיין אִין צַייטְן וֶוען עֶס אִיז מֶער לֵיידִיג וְכוּ' אַזוֹי וֶועט דִיר עֶס אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶער.

...

~~~~~~~~~~

מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִּים?

**שְׁאֵלָה:**
~~~~~~~~~~

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים און חִיזוּק, און אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה מִיט דֶעם.

דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק און זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן, און אִיךְ פְּרוּבִּירְט טַאקֶע צוּ גֵיין אַסַאךְ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער אַזוֹי וִוי אִיךְ וַוארְט יֶעצְט בָּ"ה וְכוּ', און כְּדַאי אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן צַדִיק דַארְף מֶען דוּרְכְגֵיין אַ גְרוֹיס טֵייל פוּנֶעם בֵּית הַחַיִים, און וִוי אִיךְ וֵוייס פִירְט מֶען זִיךְ אַז אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט וְכוּ' גֵייט נִישְׁט אִין אַ בֵּית הַחַיִים, וְוייל אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג דוּרְכְגֵיין דֶעם בֵּית הַחַיִים אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן אַ צַדִיק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ צִי פְרוֹיעֶן מֶעגְן גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִים וְכוּ'.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן בִּכְלָל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ בֵּית הַחַיִים - בִּפְרָט אִין דִי נִישְׁט רֵיינֶע וְכוּ', וואוּדֶערְאוּם זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען נָאר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ גֵיין אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ'. אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער מִנְהָג אַז פְרוֹיעֶן גֵייעֶן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אַלֶע טָאג און אִין אַלֶע צֵייטְן וְכוּ', אַזוֹי וִוי דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת פֵיגֶא עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וֶוען זִי הָאט גֶעוַוארְט וְכוּ', פְלֶעגְט זִי גֵיין כְּסֵדֶר צוּם צִיוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי פְלֶעג דָארְט וֵויינֶען בַּיים צִיוּן אַז דָאס קִינְד וָואס זִי וַוארְט זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. זִי פְלֶעגְט זִיךְ פַארְזוֹימֶען בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט תְּפִילוֹת און מְיַיחֵד זַיין שֵׁמוֹת און יִחוּדִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן יט). דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן צוּ גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶרֶע קִינְדֶער און פַאר דָאס קִינְד אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים - אֲפִילוּ אִיר דַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם בֵּית הַחַיִים בִּיז אִיר קוּמְט אָן צוּם צִיוּן פוּנֶעם צַדִיק, וַוייל דִי תְּפִילוֹת וָואס אַ מַאמֶע בֶּעט פַאר אִירֶע קִינְדֶער בִּפְרָט בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, יֶעדֶע תְּפִלָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## מֶעג אִיךְ זִיךְ אַרֵיינְמִישְׁן וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע גֶעוואלְדִיגֶע חִיזוּק שִׁיעוּרִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַנְגֶענֶעם.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ ארוּם, נִישְׁט מִיט הֶענְט חָלִילָה אָבֶּער מִיט ווֶערְטֶער הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע וִיכּוּחִים צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַז מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אַסַאךְ מָאל זִיךְ אַריינְצוּמִישְׁן, וּבִפְרַט וָואס לוֹיט מַיין מֵיינוּנְג אִיז זִי גֶערֶעכְט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אוֹיב מֶעגְלִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן ווִי שְׁנֶעלֶער, נָאךְ פַאר בֵּין הַזְמַנִים וֶוען אִיךְ בִּין אַסַאךְ מֶער אִינְדֶערְהֵיים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין שְׁאֵלָה; עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִיר דִי צַעַר וָואס דוּ הָאסְט צוּזֶעעֶנְדִיג ווִי דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן דִיר אַרֵיין צוּ שְׁלֶעפְּן אִין זֵייעֶר קְרִיגֶערֵיי. אַ קִינְד וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֵיין רֶגַע שְׁפִּירְט מֶען ווִי דֶער אִיז גֶערֶעכְט וְכוּ' אָבֶּער נָאכְדֶעם טְרַאכְט מֶען 'אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דֶעם אוֹיךְ לִיבּ וְכוּ'', מֶען קֶען מַמָּשׁ מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן דֶעם.

מִיט דֶעם אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט דָאס אַרִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁטֶעלוּנְג וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיט'ן צְווֵייטְן; זָאלְסְט זֶען צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, אוּן אוֹיבּ עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס אַ קְרִיג זָאלְסְטוּ זוּכְן נִישְׁט צוּ זַיין אִינְדֶערְמִיט. עֶנְדֶערְשׁ זִיץ אִין בַּית הַמִּדְרָשׁ אָדֶער נֶעם אַן אַרְבֶּעט פַאר בֵּין הַזְמַנִים, וִוי אֵיידֶער צוּ זִיצְן אִינֶעם קְרִיג.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן סַיי צוּ דַיין טַאטֶע אוּן סַיי צוּ דַיין מַאמֶע. וַוייל דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן

ווי די קִינְדֶער פִירְן זיךְ אויף מִיט גוּטֶע מִדוֹת, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אויפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זיךְ ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זיךְ אויף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זיךְ אויף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אויף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### אִיךְ ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם. זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן; וָואס מֵיינְסְטוּ, אִין קֶבֶר וֶועט דִיר בֶּעסֶער זַיין? דָארְט וֶועט זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד) דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כב) "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז דָא אויף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען -
~~~~~~~~~~

יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מְמֵילָא קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארִים, פוּן אַ פְּלִיג אוּן מֶען זָאל דָאס נִיטְאַמָאל שְׁפִּירְן, וַוייל מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, פַּרְנָסָה אוּן דָאס גְלַייכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִירְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערֶעם קְרִיכְן אוּן בַּייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערֶעם אוּן דִי צַעַר וָואס מֶען הָאט פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

אִיךְ טְרַאכְט אַז זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גוּטֶע זַאךְ פַאר דִיר, עֶנְדֶערְשׁ נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַ נַייעֶ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן פַּאזְעטִיו אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע לֶעבְּן; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זוּכְן דָאס גוּטְס אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי (תְּהִלִּים ד, ב), רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אֶמֶת עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר צָרוֹת צְרוּרוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין לֶעבְּן, מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זוּךְ אוֹיף אַ 'בְּרֶעקֶעלֶע' גוּטְס, אַ 'פִּינְטֶעלֶע' גוּטְס וָואס עֶס וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין פִיל עֶרְגֶער אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער אוֹיפְן הַארְץ; דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן, אַ טַעַם וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּטְס אִין דַיין לֶעבְּן אוּן דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְס; אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ דֶעם גֶעוֶוער פוּן תְּפִילָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרְם וִוינְט אוֹיפְן וַואסֶער אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוֹיפְן שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם. וֶוען דֶער שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין

דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ", פִּירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס: "הֲוֵי אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו (דְּבָרִים ד, ז)".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, פַארְצֵייל אִים דַיין צַעַר אוּן פַּיין וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

~~~~~~~~~~

### אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְוֵוי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַאל דָא אִין רוּחְנִיוּת, דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה אִיז נָאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן ס'טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָב, לְמָשָׁל אוּם 10:30 אִינְדֶערְפְרִי טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן דָא קַיין רַעַשׁ, ווייל דִי בָּחוּרִים שְׁלָאפְן נָאךְ...

אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אַלֶע יְשִׁיבוֹת פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים זֶעעֶן אוֹיס בְּעֶרֶךְ דִי זֶעלְבֶּע, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן יְשִׁיבָה אוֹיפְ'ן גַאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין עֵסֶק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט ווייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וֶוער קֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא וֶוייטָאג וִוי דֶער וֶוייטָאג וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. דֶער עִיקָר וֶוייטָאג אִיז אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, אַלֶע יָאגְן אִים; אִין שְׁטוּבּ יָאגְט מֶען אִים עֶר זָאל גֵיין אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין
~~~~~~~~~~

יְשִׁיבָה פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן אִים אָן אַ שִׁיעוּר וְכוּ' אִין דִי צַייט וָואס עֶר דְרַאפֶּעט זִיךְ וְכוּ' אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע שְׁפִּירְט עֶר וִוי עֶר קֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן דָאס פַייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִין אִים. עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט זַיין הֵיילִיג שְׁפִּירְט עֶר כְּאִילוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אִים, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר הָאט נִישְׁט מֶער קַיין בְּחִירָה, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס וַוייזְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר אִים אַ נַייעֶ וֶועלְט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן; עֶס שְׁטֶערְט שׁוֹין נִישְׁט וואוּ מֶען אִיז וְכוּ' וַוייל מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעְרָאל.

אִין אָנְהֵייב קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ'. דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן רוֹדְפְ'ן אִים, זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ. אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען גְלֵייבְּט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עח): "קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", אוּן מֶען שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט דֶער מֹחַ צוּבִּיסְלֶעךְ רֵיין אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין קַיין חִילוּק דִי יְשִׁיבָה אָדֶער יֶענֶע יְשִׁיבָה, וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**הָאט אִיר פַאר מִיר אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת?**
~~~~~~~~~~~

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ פַּאל אַרָאפּ נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין.

אִיךְ הָאב פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אָבֶער ס'אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אִין אַ מִשְׁנָיוֹת, ווייל אִיךְ ווִיסְן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאב אַ טֶעלֶעפָאן מִיט אַ פִילְטֶער, מֶעג אִיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן, אָדֶער ס'מוּז זַיין דַוְקָא פוּן אַ גֶעהֶעריגֶע מִשְׁנָיוֹת.

נָאךְ אַ שְׁאֵלָה הָאב אִיךְ, אַסַאךְ מָאל נָאכְדֶעם ווָאס אִיךְ פַאל דוּרְךְ אִין אַן עֲבֵירָה, הָאב אִיךְ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען, אִיז דָאס עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעווּאוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן ווייל דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת בִּכְלָלִיוּת אוּן בִּפְרָט אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם) אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעווָאלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, "אָבֶער מִיר" - זָאגְט דֶער רֶבִּי "הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן".

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסָל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי ווַייטֶער בִּיז סוֹף ווָאךְ. עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווִי אַפָּאר מִינוּט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דַיין תְּשׁוּבָה.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער; דָאס אִיז נָאר אִין אָנְהֵייבּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וויל זִיךְ אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת, דֶעמָאלְט קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעדֶע מִשְׁנָה, יֶעדֶע וָוארְט וְכוּ', אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶועט דִיר עֶס וֶוערְן אַסַאךְ גְרִינְגֶער.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ; מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מְשַׁנֶּה", ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז עוֹסֵק אִין מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מֶער מְשַׁנֶּה אוּן וֶוערְט מֶער רֵיין. מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן הֶעֱלִיתָמְזְמ'ן שְׁ'אוֹל נַפְשִׁיי איז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְּלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

וֶוען דוּ ווילְסְט גֵיין דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זוּכְט דִיר אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דַיין חֵשֶׁק מִיטְ'ן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דַיין עָבָר; זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיז גֶעוֶועןן"**, אוּן שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט שִׂמְחָה; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי חֵשֶׁק, דִי חֵשֶׁק קוּמְט בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל וויסְן ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְסַדֵּר זַיין מַיין טָאג, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיּוֹם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת וָואס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן אַסַאךְ, מַה שֶׁאֵין כֵּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיז גֶענוּג וֵויינִיג שְׁלָאף. אֵיינֶער דַארְף מֶער צַייט וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, וְוידֶערְאוּם אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער פְלִינְק אוּן עֶס נֶעמְט אִים בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע מִינוּט צוּ זַיין גְרֵייט צוּם דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ', מְמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן הַנְהָגוֹת, אַ סֵדֶר הַיּוֹם, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַנְהָגוֹת אוּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֵיין הַנְהָגָה קֶען מֶען גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; ווי קֶען מֶען גֶעבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם פַאר אַ צְוֵוייטְן? עֶס קֶען זַיין אַז דִי הַנְהָגָה וָואס אִיז בַּיי אֵיינֶעם אַ גוּטֶע הַנְהָגָה אִיז פַאר אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט גוּט וְכוּ', נָאר אֵיין זַאךְ קֶען מֶען מְעוֹדֵד זַיין אַ מֶענְטְשׁ - אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ בֶּעטְסְט אַ סֵדֶר הַיּוֹם ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טוּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וַדַּרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט נָאר מַיין טָאג, נָאר "וְשֶׁל בָּנַי", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דִי טָאג פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, "וְהַתְּלוּיִים בִּי", אוּן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל. "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר גוּט, "גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן צִי מֶען הָאט יָא גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַנְדֶערְשׁ אִיז דָאךְ וַוייטֶער גוּט; אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר הַיּוֹם אִינְדֶערְפְרִי - זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף דַיין טָאג דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּטֶע טָאג; דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אוּן אַ גוּטֶע מְאֹד - אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר דַיין גַאנְצֶער טָאג זַיין אַן אַנְדֶערֶע טָאג. אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ אִים, אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## מַיין מַאן טוּט גָארְנִישְׁט, זָאל אִיךְ גֶט׳ן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מִיט מַיין מַאן הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַּאר אַסַאךְ יָארְן, מִיר הָאבְּן בָּ"ה זֶעקְס קִינְדֶערלֶעךְ, אָבֶּער אוּנְזֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעָן.

אִיךְ אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ גֶעב זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בְּרֶענְג פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּב; אוּן מַיין מַאן טוּט גָארְנִישְׁט, עֶר שְׁלָאפְט נָאר אַרַיין יֶעדְן טָאג בִּיז שְׁפֶּעט, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, אוּן מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין זִיךְ קְרִיגְן.

אִיךְ קְלֶער בֶּאֱמֶת אַז סְ'לוֹינְט זִיךְ מִיר עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ גֶט'ן פוּן אִים, וָואס וָואלְט אִיר גֶע'עֵצָה'ט מִיר צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אֵייעֶר שְׁאֵלָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּפְרָט וֶוען מֶען הֶערְט נִישְׁט בֵּיידֶע צְדָדִים וְכוּ׳.

אִיךְ קֶען אֵייךְ מְחַזֵק זַיין אַז אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער בּוֹיעֶן אֵייעֶר שְׁטוּב מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת כְּדֵי אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; טְרַאכְטְ׳ס נִישְׁט קַיין מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶטְ׳ן, ווַייל קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס קִינְדֶער פוּן גֶע׳גֶטְ׳עֶ שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן אַרִיבֶּער. עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִי דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער פוּן גֶע׳גֶטְעֶ שְׁטוּבֶּער; עֶס וֶוערְט זֵיי פִינְסְטֶער זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט פְּחָדִים אוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ׳, בִּיז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלַן.

אַז אִיר פְרֶעגְט מִיר אַן עֵצָה, זָאג אִיךְ אַייךְ: ״זִיךְ גֶטְ׳ן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה״; עֶס קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי אַן עֵצָה אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן
~~~~~~~~~~

אֵייעֶרֶע וָוערְטֶער וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ אִיז, אַז אֵייעֶר מַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין און בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳. זָאלְט אִיר וויסְן זַיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיקַייט, דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקַייט; פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. אַנְשְׁטָאט אִיר זָאלְט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים און אִים קְלַאפְּן וֶוען עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינֶעוֵוייניג טִיף טִיף זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט וָואלְט אִיר אִים גֶעדַארְפְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן און אִים גֶעבְּן אַ מוּט עֶר זָאל וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין, דוּרְכְדֶעם וָואלְט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְּרִי און גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַּאר אַייךְ.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס, וֶוען און וואו, אָבֶער פוּן אֵייעֶר שְׁאֵלָה זֶע אִיךְ אַז אֵייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און דֶערְשְׁלָאגְן. דָאס אִיז דֶער סִימָן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין, אַז עֶר אִיז דֶערְבִּיטֶערְט און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין סִיבָּה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין; אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס פוּן בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי לוֹיפְן דַאוֶונֶען און בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

זָאלְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אֵייעֶר מַאן און רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, אַזוֹי וִוי דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "פַּאר אַ קוּשׁ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּאטְשׁ"; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מוּט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין און אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן. ווייל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ" אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּב, און אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צוּבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל וַוארְט אָפּ אִיר מַאן, זִי שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר פַארְקֶערְט זִי הֵייבְּט אוֹיף זַיין מוּט און זִי גֶעט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, בִּפְרָט אַז דֶער מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ׳, וַוארְט זִי אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זִי מַאכְט אִים עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז וֶוערְד, אַזוֹי טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס לְטוֹב.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל: "זִיךְ גֶעטְ׳ן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה", בִּפְרָט אַז אִיר הָאט טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר דָאס טוּן פַאר זֵיי?! אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן מִיר צִי זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶעטְ׳ן: "אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ בִּיקְס און חַס וְשָׁלוֹם שִׁיסְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועט זֵיי נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי אוֹיבּ דוּ גֵייסְט זִיךְ גֶעטְ׳ן".

...

~~~~~~~~~~~

**זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן מַיין טַאטֶע, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
~~~~~~~~~~~

אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ אַלְץ זֶען ווִי מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ אִים אָדֶער עֶר זָאגְט תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר זִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין ווַייבּ. ס'פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטֶערְן דִי חוּצְפָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, אוּן אַזוֹי טוּ אִיךְ טַאקֶע יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס טַאקֶע צוּ טוּן, אָבֶּער אִיךְ ווֵייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ זִיץ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ בַּיי מַיין טַאטֶע, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען ס'קוּמְט יֶעצְט דֶער סֵדֶר פֶּסַח בַּייְנַאכְט; מַיין טַאטֶע זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, זָאל אִיךְ אִים עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְהֶערְן אַלְס כִּיבּוּד אָב אוּן זָאגְן פַאר מַיין ווַייבּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן דֶעמָאלְט, אָדֶער זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין טַאטֶע אוּן עֶנְדֶערְשׁ אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חוּצְפָּה צוּ רֶעדְן בְּשָׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט; לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְזַלְזֵל אִין דֶעם אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט תּוֹרָה בַּיים סְעוּדַת שַׁבָּת רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, אַזוֹי אוֹיךְ בְּשָׁעַת אַ שִׂמְחָה וֶוען דֶער טַאטֶע שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף רֶעדְן זִיצְן דִי קִינְדֶער אוּן שְׁמוּעֶסְן. זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַקְפִּיד זַיין וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער פַאר אַ סְעוּדָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן בְּשָׁעַת זֵיי רֶעדְן אוּן זָאגְן תּוֹרָה וְכַדוֹמֶה, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִיר.

דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה מִיט מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דַיין ווַייבּ ווֵייסְט אוֹיךְ אַז בְּשָׁעַת אַ טַאטֶע רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט יִרְאָה; זִי ווִיל אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין אִירֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ רֶעדְן בְּשָׁעַת עֶר רֶעדְט, פַארְקֶערְט אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן

וועט דַיין וַוייבּ דיר מֶער אַרוֹיפְקוּקְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאגְן אַלֶע אוֹיף אִים: "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה (יוֹמָא פו.).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אֵיינֶעם וָואס וִויל טוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין דִי לֶעצְטֶע חֳדָשִׁים, אוּן דָאס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ זִי"עַ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין הַפָּצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אַסַאךְ הַפָּצָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיךְ גֵיי נֶעם אִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּרִיק גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז דִי סְפָרִים פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט גֶערַאטֶעוֶועט זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּטוּן מִיט אַ בָּחוּר וָואס הָאט מִיר גֶעוָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּרֶעדְן צוּ טוּן אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה מִיט אִים, בְּחַסְדֵי ה' הָאבּ אִיךְ זִיךְ בָּ"ה אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן אִים. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין סְתָּם רֶעדְן מִיט אִים, אָדֶער זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר ב', מְבָרְכִים נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט מִיר מַמָשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, דַף קכח:) אַז אַ מֶענְטְש וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין
~~~~~~~~~~

וואו קַיין שום מֶענְטְש איז נִישְׁט זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען; דֶער מֶענְטְש נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן די וֶועלְט און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף די וֶועלְט; אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, און צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; קֵיינֶער קֶען דֶעם מֶענְטְש נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ׳ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף די וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחְמִים און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

בְּנוֹגֵעַ דֶער בָּחוּר וָואס לוֹיפְט דִיר נָאךְ און עֶר וִויל דִיר אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ׳; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אָפְּהַאקְן אַלֶע קֶשָׁרִים מִיט אִים, וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה?! דוּ וֶועסְט דָאךְ וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ! דוּ וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעוָואלְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אֵיינֶער וָואס אִיז אַ רוֹצֵחַ און הַרְגֶ׳ט מֶענְטְשְׁן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי כג, פִּיסְקָא רנב): "הַמַּחְטִיא הָאָדָם", וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן, "קָשֶׁה לוֹ מִן הַהוֹרְגוֹ", אִיז עֶר עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הַרְגֶ׳ט אֵיינֶעם, "שֶׁהַהוֹרְגוֹ - אֵין מוֹצִיאוֹ מִן הָעוֹלָם הַזֶּה וּמִן הָעוֹלָם הַבָּא", וַוייל דֶער וָואס הַרְגְ׳ט אַ מֶענְטְשׁ הַרְגְ׳ט נָאר דֶעם גוּף, עֶר נֶעמְט אִים אַוֶועק נָאר פוּן די וֶועלְט, "וְהַמַּחְטִיאוֹ - מוֹצִיאוֹ מִן הָעוֹלָם הַזֶּה וּמִן הָעוֹלָם הַבָּא", אָבֶּער דֶער וָואס מַאכְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן, הַרְגְ׳ט אִים אָפּ פוּן די וֶועלְט און פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אָמֵן.

...